און אַכאַיאַ וואוילגעפעלן צו מאַכן אַ געמיינזאַמע
נדבה לטובת די אָרומע צווישן די קדושים אין
27 ירושלים. וואָרום עס איז זיי וואוילגעפעלן, און
זיי זענען זייערע בּעלי חוב. ווייל אויבּ די אומות־
העולם האָבּן אַ חלק אין זייערע רוחניותדיקע זאַכן,
זענען זיי מחויבּ זיי צו דינען אין גשמיותדיקע זאַכן.
28 דעריבּער ווען איך וועל האָבּן געענדיקט דאָס
דאָזיקע, און האָבּנדיק פאַרחתמעט פאַר זיי די
דאָזיקע פרוכט, וועל איך אַדורכרייזן אייער לאַנד
29 קיין שפּאַניען. און איך ווייס, אַז קומענדיק צו אייך,
וועל איך קומען מיט דער פולקייט פון משיחס בּרכה.
30 איך בּעט אייך אָבּער, בּרידער, דורך אונזער האַר
ישוע המשיח און דורך דער ליבּע פונם גייסט, אַז
איר זאָלט מיטקעמפן מיט מיר אין אייערע תפילות
31 פאַר מיר צו ג־ט, כדי איך זאָל ניצול ווערן פון די
ווידערשפּעניקע אין יהודה, און אַז מיין דינסט אין
32 ירושלים זאָל זיין אַנגענעם צו די קדושים; כדי
איך זאָל קומען מיט שמחה צו אייך, אם ירצה השם,
33 און זיך אָפּרוען בּיי אייך. און דער ג־ט פון שלום
זאָל זיין מיט אייך אַלעמען. אָמן.

## קאַפּיטל זעכצן

1 איך דערמאָן צו אייך צום גוטן אונזער שוועסטער
פעבּע, וועלכע איז אויך אַ משמש־טע אין דער
2 קהלה פון קענקרעאַ, כדי איר זאָלט זי אַזוי אויפ־
נעמען אינם האַר ווי עס שטייט אָן פאַר קדושים, אַז
איר זאָלט איר העלפן אין אַלעם, אין וואָס זי וועט
אייך נאָר בּרויכן; וואָרום זי איז אויך געווען אַ
העלפערין פאַר פילע, און פאַר מיר אַליין.
3 גיט אָפּ שלום פּריסקאַן און אַקווילאַן, מיינע מיטאַר־